# שִׂיחוֹת הָרֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## פרשת חקת בלק שנת תש"פ לפ"ק

ארויסגעגעבן דורך
"קרן הדפסה היכל הקודש"

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

| | |
|---|---|
| **היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Breslev<br>181 Huschke Road<br>Liberty NY 12747 | **היכל הקודש וויליאמסבורג**<br>Heichal Hakodesh<br>Williamsburg<br>27 Skillman Street<br>Brooklyn NY 11205<br>1-718-384-1652 |
| **היכל הקודש קרית יואל**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Joel<br>8 Hayes Ct.<br>Monroe NY 10950<br>1-845-467-5299 | **היכל הקודש קרית יואל**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Joel<br>8 Premishlan Way.<br>Monroe NY 10950<br>1-845-243-0563 |
| **היכל הקודש בארא פארק**<br>Heichal Hakodesh<br>Boro Park<br>1011 41 Street<br>Brooklyn NY 11219<br>1-718-384-1652 | **היכל הקודש מאנסי**<br>Heichal Hakodesh<br>Monsey<br>32 Dolson Road<br>Monsey NY 10952<br>1-347-733-7551 |

Visit Our Web Site:
www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

| | |
|---|---|
| **קול ברסלב**<br>**212-444-9191** | **חיזוק פאר די אידישע שטוב**<br>**212-444-9169** |

## חיזוק יומי

**צו באקומען די חיזוק יומי**

| | |
|---|---|
| **אימעיל** | **טעלעפאון מעסידזשינג** |
| chizikyomi@gmail.com | 347-630-2876 |

גרפיקה עיצוב ועימוד: **א.י.ש. אשדוד** 05276-27127

# שבת קודש פרשת שלח אין שטעטל

ערב שבת נאכמיטאג, שוין מיט די בגדי שבת אנגעטון, איז דער ראש ישיבה שליט"א געגאנגען קלאפן מזוזות ביי איינע פון די נייע תושבים, וואס האבן זיך נארוואס אריינגעצויגן אין שטעטל; אויפ'ן וועג האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט עטליכע מאל פאר'ן דרייווער: "דו פארסט צו שנעל! אין שטעטל וויל איך אלעס זען; איך וויל זען יעדע בוים, יעדע הויז און יעדע סיין".

און דער ראש ישיבה שליט"א האט אנגעוויזן פאר'ן אינגערמאן פון דעם דירה, די הלכות וואו עס קומט יא א מזוזה און וואו עס קומט נישט קיין מזוזה. עס איז געווען זייער שיין צוצוקוקן ווי נאך א יעדע מזוזה וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט געקלאפט, האט זיך דער ראש ישיבה שליט"א אנגערופן צו יענעמס קליין קינד: "דו זעסט ווי מען לייגט א מזוזה? יעצט דארף מען שוין גארנישט מורא האבן, ווייל די מזוזה גייט אפהיטן".

דערנאך האט זיך דער ראש ישיבה שליט"א אנגערופן מיט א שמייכל: "עס קומט דאך שוין יעצט דער הייליגער שבת! אז מען טראכט אריין ווערט מען זייער פריילך; געב א קוק, א גוי ארבעט איין טאג, און נאך א טאג און נאך א טאג, אן אויפהער, און פארוואס ארבעט ער? כדי צו פארדינען געלט, און געלט דארף ער - צו קענען קויפן עסן, וואס געבט אים כח צו ארבעטן נאכאמאל, און דאס ארבעטן נאכאמאל איז ווייטער כדי צו פארדינען געלט וכו' צו קענען נאכאמאל ארבעטן... - אן קיין שום תכלית; אבער א איד ארבעט טאקע שווער א גאנצע וואך, דאך האט ער אבער איין טאג אין וואך 'שבת', וואס ער קען זיך אביסל אפרוען פון זיין ארבעט, ער לייגט אוועק זיין טעלעפאון, זיין ביזנעס און זיינע חובות, יעצט קען ער אביסל הנאה האבן פון זיין לעבן, ער קען פארברענגען מיט זיין ווייב און קינדער, דארפן מיר דאך זיין זייער פריילך".

דער ראש ישיבה שליט"א איז דערנאך אריבער געגאנגען צו איינע פון די נייע נאכנישט פארענדיגטע הייזער אין שטעטל, און דער ראש

ישיבה שליט"א האט א גאנצן צייט גע'חזר'ט מיט זיינע באגלייטער: "זיי נישט מקנא, זיי נישט מקנא".

דער ראש ישיבה שליט"א איז דערנאך אריין געגאנגען אינעם הויז, און אויף א יעדע 'אפגרעיד' וואס דער אינגערמאן האט אריין געלייגט אינעם הויז האט דער ראש ישיבה שליט"א געקרעכצט אויפ'ן קול: "אוי, נעבעך נעבעך..." אזוי איז געווען ביי יעדע פיטשעווקע וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט באמערקט, האט זיך דער ראש ישיבה שליט"א אנגערופן נאכאמאל: "אוי, נעבעך נעבעך..."

איינער פון די באגלייטער האט אנגעוויזן פאר'ן ראש ישיבה שליט"א אז דער אינגערמאן האט עקסטער צוגעצאלט אז מען זאל אים לייגן ספעציעלע קאסטום הענטלעך אויף די טירן, האט דער ראש ישיבה שליט"א געפרעגט: "וואס איז דער פשט פון דעם, דאס איז שיין?" דער ראש ישיבה האט גערעדט מיט ווייטאג אויף די אלע וואס בויען זיך הייזער, און לייגן אריין ממש זייער גאנצער קאפ און מוח נאר אין די הייזער, בשעת זיי כאפן נישט אז: "(דער ראש ישיבה שליט"א האט עס געזאגט מיט'ן ניגון) אט גייט מען זוכן א שיינע דירה, און אט פירט מען שוין צו די קבורה..."; אבער צום סוף האט דער ראש ישיבה שליט"א אויסגעפירט: אז למעשה געבט דער אינגערמאן אסאך צדקה פאר די ישיבה.

ווען דער ראש ישיבה שליט"א איז ווייטער געפארן אהיים צו זיך, איז מען אדורך געפארן א הויז, און דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך אנגערופן ווייזענדיג אויפ'ן הויז: "דאס איז א רחמנות, א אינגערמאן בויעט זיך א שיינעם הויז אבער ער בלייבט שטעקן אינדערמיט, ווייל ער האט נישט קיין געלט עס צו ענדיגן, דאס איז א ווייטאג".

# שבת קודש בייאכט

ביי די באטע האט דער ראש ישיבה שליט"א ארומגערעדט פון די פרשה פון די מרגלים. דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט: "ווען מען איז מעביר סדרה, מען לערנט אביסל פון די פרשה, קומט ממש צום וויינען; די אידישע קינדער זענען אזוי געפאלן, און האבן גערעדט אויף משה רבינו, משה רבינו האט זיי ארויסגענומען פון מצרים, און האט זיי געשפאלטן דעם ים סוף, און יעצט אז דו האסט געהערט אביסל לשון הרע פון די מרגלים אויף ארץ ישראל און אויף משה רבינו - לאזטו אינגאנצן אפ דעם צדיק?!"

און דער ראש ישיבה שליט"א האט ווייטער געזאגט: אז יהושע בן נון און כלב בן יפונה האבן נישט געוואוסט פון דעם נסיון פון די מרגלים וואס גייט זיי באטרעפן אין ארץ ישראל, אבער משה רבינו האט יא געוואוסט, האט משה רבינו געגעבן א ברכה פאר יהושע בן נון אז דער אייבערשטער זאל אים העלפן פון די עצה פון די מרגלים. האט דער ראש ישיבה שליט"א נאכגעזאגט דעם זוהר הקדוש (שלח, קנח): אז ווען כָּלֵב האט געזען ווי משה רבינו האט נאר געבענטשט יהושע בן נון ער זאל ניצול ווערן פון די מרגלים און אים נישט, "אִשְׁתְּמִיט מִנַּיְיהוּ", האט ער זיך אוועק געכאפט פון די מרגלים, "וְאָתֵי לְגַבֵּי קִבְרַיָּיא דַּאֲבָהָן, וְצַלֵּי תַּמָּן צְלוֹתֵיהּ", און ער איז געגאנגען קיין חברון צו קברי צדיקים מתפלל זיין ער זאל נישט פארכאפט ווערן מיט די עצה פון די מרגלים צו קריגן אויף משה רבינו, פרעגט דער זוהר א שטארקע קשיא: "ווי אזוי קען זיין אז כלב איז געגאנגען קיין חברון מתפלל זיין ביי די מערת המכפלה איינער אליין, עס זענען דאך דארטן געווען די בני ענק - די ריזן מענטשן, ער האט נישט מורא געהאט פון זיי?" נאר ענטפערט דער זוהר הקדוש: "מַאן דְּאִיהוּ בְּדוֹחֲקָא, לָא אִסְתָּכַּל מִדִי", ווער עס איז אין א צרה קוקט נישט אויף גארנישט, "כַּךְ כָּלֵב, בְּגִין דַּהֲוָה בְּדוֹחֲקָא, לָא אִסְתְּכַּל מִדִי", אזוי אויך, ווען כלב האט געזען אז ער איז אין א גרויסע סכנה, א לעבנ'ס סכנה, ער קען פארלירן דעם צדיק, משה רבינו, האט ער נישט געקוקט אויף קיינעם, "וְאָתָא לְצַלָּאָה עַל קִבְרֵי אֲבָהָן, לְאִשְׁתְּזָבָא מְעֵיטָא דָא", ער

איז געלאפן צו קברי צדיקים מתפלל זיין זיך צו ראטעווען פון די מרגלים, און ער האט נישט געקוקט אויף די בני ענק.

האט א בחור געפרעגט דעם ראש ישיבה שליט"א: וואס איז פשט אז פונקט יהושע בן נון האט זוכה געווען צו באקומען א ברכה פון משה רבינו. האט דער ראש ישיבה שליט"א געענטפערט: "ווייל יהושע בן נון האט משמש געווען א צדיק, ווי עס שטייט אין פסוק (שמות ל"ג, יא) וּמְשָׁרְתוֹ יְהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן נַעַר לֹא יָמִישׁ מִתּוֹךְ הָאֹהֶל".

נאכדעם האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט ווייטער: "דו קענסט פרעגן נאך מער, פארוואס האט פונקט יהושע בן נון זוכה געווען איבערצונעמען משה רבינו, נאר דאס איז געווען די זעלבע ווי ביי רבי נתן זכרונו לברכה, סוף ימיו פון רבי נתן האט מען אים געפרעגט ווער עס זאל איבערנעמען? האט רבי נתן געענטפערט: "דער וואס טראגט ארויס ביי מיר די פעמיניצעס", דאס הייסט ווער עס האט מיר משמש געווען, ער האט ארויסגעטראגן די מיסט, ער איז ראוי איבערצונעמען - און דאס איז געווען רבי נחמן טולטשינער ז"ל (כוכבי אור שיחות וסיפורים סימן נ"ח). און די זעלבע איז געווען ביי יהושע, אז דערפאר האט ער איבערגענומען ווייל ער איז געווען א משרת ביי משה רבינו, און ער האט אים מיט אלעס באדינט.

און דער ראש ישיבה שליט"א רופט זיך אן צו דעם בחור: "ער האט געטון דאס וואס דו טוסט", (דער בחור העלפט אלץ ארויס אין בית המדרש, ער רוימט אויף, און איז מסדר די טישן).

נאכדעם האט דער ראש ישיבה שליט"א דערציילט אז ... נרו יאיר האט באקומען א ברכה פון מוהרא"ש: אז "קה יושיעך מעצת מרגלים", דאס איז געווען ווען א אינגערמאן האט געוואלט גיין צו מוהרא"ש איבער דעם ראש ישיבה שליט"א אז לפי דעתו טוט דער ראש ישיבה שליט"א נישט גוט, האט ער גערופן דעם ראש ישיבה שליט"א זאל מיטקומען בשעת ווען ער וועט זאגן זיינע טענות, איז דער ראש ישיבה שליט"א מיט ... נרו יאיר, דארט געווען מיט יענעם ביי מוהרא"ש אין צימער, און ביי

יענעם שמועס האט מוהרא״ש זיך אויסגעדרייט צו ... נרו יאיר זאגנדיג: פאר דיר געב איך א ברכה אז: ״קה יושיעך מעצת מרגלים״.

און דער ראש ישיבה שליט״א האט דערציילט אז איינמאל ווען ... נרו יאיר האט געמאכט א ברית פאר זיין קינד, איז דער ראש ישיבה שליט״א נישט געגאנגען צום ברית, ווייל דער ראש ישיבה שליט״א האט נישט געוואלט איבער לאזן די בחורים, און מוהרא״ש האט געזען ווי דער ראש ישיבה שליט״א איז נישט ביים ברית האט מוהרא״ש געפרעגט פון ... נרו יאיר מיט׳ן לשון: ״וואו איז דער ראש ישיבה, דו קריגסט שוין אויך?!״ האט ... נרו יאיר געזאגט פאר מוהרא״ש אז דער ראש ישיבה שליט״א איז נישט געקומען ווייל ער איז געבליבן מיט די בחורים; און מוהרא״ש האט הנאה געהאט.

נאכדעם האט דער ראש ישיבה שליט״א געפרעגט: ווער וויל הערן א שיינע מעשה? און דער ראש ישיבה שליט״א האט אנגעהויבן דערציילן א מעשה פון דער הייליגער ישמח משה זכותו יגן עלינו.

דער ראש ישיבה שליט״א האט מקדים געווען: מיינע קינדער זענען פיר מאל אן אייניקל פונעם הייליגן ישמח משה זכותו יגן עלינו[1].

---

[1] דורכ׳ן ראש ישיבה שליט״א: איינס, די מאמע תחי׳ פונעם ראש ישיבה שליט״א איז א טאכטער פון הרב רבי אלחנן חיים טייטלבוים זכרונו לברכה, א זון פון הרב רבי משה זכרונו לברכה, א זון פון הרב רבי יוסף זכרונו לברכה, א זון פון הרב הצדיק רבי שמואל גארליצער זכרונו לברכה, א זון פון הרב הצדיק רבי אלעזר ניסן זכרונו לברכה, א זון פונעם הייליגן ישמח משה זכותו יגן עלינו. צווייטנס, דער זיידע הרב רבי משה זכרונו לברכה איז געווען אן איידעם ביי הרב רבי לייבוש טייטלבוים זכרונו לברכה, א זון פון הרב הצדיק רבי שמואל גארליצער זכרונו לברכה, א זון פון הרב הצדיק רבי אלעזר ניסן זכרונו לברכה, א זון פונעם הייליגן ישמח משה זכותו יגן עלינו.

דורך די ווייב תחי׳ פונעם ראש ישיבה שליט״א: איינס, דער ראש ישיבה שליט״א איז אן איידעם ביי הרב רבי מרדכי אהרן מייזליש שליט״א, וואס איז א זון פון הרב רבי יוסף משה זכרונו לברכה - אב״ד ווייטצען יע״א, א זון פון הרב הצדיק רבי צבי הירש זכרונו לברכה - בעל מחבר ספר מקדשי השם, א זון פון הרב הצדיק רבי דוד דוב מייליש זכרונו לברכה בעל מחבר ספר ׳בנין דוד׳, וואס איז געווען אן איידעם ביי הרב הצדיק רבי משה יוסף זכרונו לברכה - אב״ד אוהעל יע״א, א זון פונעם הייליגן ישמח משה זכותו יגן עלינו. צווייטנס, דער זיידע רבי צבי הירש זכרונו לברכה - בעל מחבר ספר מקדשי

ווען דער ראש ישיבה שליט"א האט אנגעהויבן צו דערציילן פונעם ישמח משה, האט איינער געפרעגט: "ווער איז געווען דער ישמח משה?" האט זיך דער ראש ישיבה שליט"א אנגערופן מיט געשפעט: ער איז טראמפ'ס איידעם..." ווי צו זאגן אז אלע נארישקייטן ווייסטו זייער גוט, ווער עס איז טראמפ'ס איידעם, און אזוי ווייטער אנדערע נארישקייטן, נאר דאס ווער עס איז געווען דער הייליגער ישמח משה ווייסטו נישט?!

און דער ראש ישיבה שליט"א האט דערציילט: דער הייליגער ישמח משה זכותו יגן עלינו האט אמאל געזאגט: "איך בין שוין דא אויף דער וועלט דעם פערדן מאל; ביים ערשטן גלגול בין איך געווען פון די שאף פון יעקב אבינו", און ער האט געזאגט: "איך שפיר נאך יעצט א קלאפ וואס איך האב געכאפט אלס שעפעלע".

דער ראש ישיבה שליט"א האט צוגעלייגט, אז דער ישמח משה האט געהאט ביי איין זייט פון זיינע אויגן-ברעמען אז עס איז געוואקסן אויף אראפ, דאס איז געקומען פון דעם קלאפ וואס ער האט באקומען; און דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט אז מען קוקט אויפ'ן בילד פון סאטמארער רבי זכותו יגן עלינו קען מען אויך זען ווי די אויגן-ברעמען וואקסן אויף אראפ, און אזוי איז עס ביי די אייניקלעך פונעם ישמח משה, אלעס קומט פון דעם קלאפ וואס דער ישמח משה האט געכאפט זייענדיג א שעפעלע.

האט דער ישמח משה ווייטער געזאגט: "ביים צווייטן גלגול בין איך געווען אין די צייט פונעם דור המדבר, און איך בין געווען בשעת די מחלוקת פון קרח".

ווען זיין אייניקל דער הייליגער ייטב לב זכותו יגן עלינו האט דאס געהערט, האט ער געפרעגט דעם זיידן: "זיידע, וואס האסטו געהאלטן ביי דעם מחלוקת?", האט אים דער ישמח משה געענטפערט: "איך בין

השם, איז געווען אן איידעם ביי הרב הצדיק רבי חיים יעקב טייטלבוים זכרונו לברכה - אב"ד קשאנוב יע"א, א זון פון הרב הצדיק רבי משה יוסף זכרונו לברכה - אב"ד אוהעל יע"א, א זון פונעם הייליגן ישמח משה זכותו יגן עלינו.

געווען נייטראל, איך בין נישט מיטגעשטאנען מיט קיינעם", האט אים דער ייטב לב געפרעגט, פארוואס האסטו נישט געהאלטן מיט משה רבינו? האט אים דער ישמח משה געענטפערט: "ווען דו וואלסט געווען אין יענע צייט, וואלסטו פארשטאנען, דער כח פון קרח איז געווען אזוי גרויס, אז ס'איז געווען זייער שווער צו בוחר זיין וועלכע עס איז דער אמת".

האט א בחור געפרעגט דעם ראש ישיבה שליט"א: וואס איז געווען דער גרויסער כח פון קרח, אז עס איז געווען אזוי שווער צו וויסן וועלכע איז דער אמת? האט דער ראש ישיבה שליט"א געענטפערט: "זיין כח איז געווען: לצנות"; מיט לצנות האט ער פארפירט אקעגן משה רבינו, ער האט געפרעגט מיט לצנות "וואס דארף מען האבן דעם צדיק משה רבינו, יעדער איז דאך גוט..."

האט דער ישמח משה ווייטער געזאגט: "ביים דריטן גלגול בין איך געווען אין די צייטן פון ירמיהו הנביא, און איך האב צוגעזען מיט מיינע אויגן דעם ביטערן חורבן הבית, דעריבער וויין איך אזויפיל אויפ'ן חורבן, ווייל עס איז נישט די זעלבע ווען מען הערט נאר פונעם חורבן ווי אז מען האט עס צוגעזען מיט די אייגענע אויגן.

האט דער ראש ישיבה שליט"א צוגעלייגט: איך האב אויך געהאט א באבע עליה השלום וואס האט אלץ געהאט אנגעגרייט א שבת'דיגע קלייד, צו זיין גרייט אויף ווען משיח וועט קומען, און אלץ האט זי געזאגט: "ווען קומט שוין משיח?" - דער ראש ישיבה שליט"א האט אויסגעפירט: דאס קען מען זיך נישט מאכן, אז מען זאגט עס מוז זיין אז מען האלט טאקע דערביי, אז מען ווארט און האפט אויף ביאת משיח.

# שבת קודש אינדערפרי

ווען דער ראש ישיבה שליט״א איז אנגעקומען אין שול האט דער ראש ישיבה געפרעגט א קליין אינגעלע: ״דו האסט ליב די שטעטל?״ האט ער געענטפערט: ״יא״, האט אים דער ראש ישיבה געפרעגט: ״פארוואס?״ האט דאס קינד געענטפערט אז ער ווייסט נישט, האט אים דער ראש ישיבה געזאגט: ״איך וועל דיר זאגן פארוואס, ווייל אין שטאט דרייען זיך די גוים און גוי׳טעס ארום זייער נישט צניעות׳דיג און עס איז זייער שווער זיך צו היטן די אויגן; אמת, דא אין שטעטל דארף מען זיך אויך אכטונג געבן זיך צו היטן די אויגן, אבער עס איז נישט אזוי געפערליך וואו אין שטאט״; דער ראש ישיבה האט דערנאך צוגעענדיגט: ״יעדעס מאל וואס מען קוקט אויף א גוי׳טע ווערט די נשמה שמוציג״.

שבת קודש אינדערפרי נאך די מקוה, האט דער ראש ישיבה שליט״א געלערנט מיט א חברותא ׳זוהר הקדוש׳, אזוי ווי דער ראש ישיבה שליט״א פירט זיך שטענדיג. דער ראש ישיבה שליט״א האט געלערנט וואס דער הייליגער זוהר זאגט (במדבר קכ:) אז ביי תחנון ווען מען מאכט נפילת אפים, זאל מען זאגן דעם קאפיטל (תהלים כ״ה): לְדָוִד אֵלֶיךָ ה׳ נַפְשִׁי אֶשָּׂא וגו׳; און דער ראש ישיבה שליט״א האט געזאגט: עס ווערט געברענגט פון די מקובלים (בית יוסף אורח חיים סימן קל״א) אז מען זאל טאקע זאגן דעם קאפיטל, אבער די פוסקים שרייבן (מגן אברהם שם סעיף קטן ה׳) אז מען זאל דאס נישט זאגן, ווייל אויב מען האלט נאכנישט ביי די מדריגה פון זיך איבערגעבן צום אייבערשטן מיט מסירות נפש, קען דאס זיין א סכנה פאר׳ן מענטש, דערפאר זאל מען זאגן רחום וחנון (מתוך תהלים קאפיטל ו׳), אבער מוהרא״ש שרייבט (סידור עת רצון) אז מען זאל יא זאגן לְדָוִד אֵלֶיךָ ה׳ נַפְשִׁי אֶשָּׂא וגו׳.

און דער ראש ישיבה שליט״א האט צוגעלייגט: יעדן טאג ווען איך זאג לְדָוִד אֵלֶיךָ ה׳ נַפְשִׁי אֶשָּׂא וגו׳ ביי נפילת אפים, בעט איך דעם אייבערשטן: ״באשעפער, איך וויל זוכה זיין דאס צו זאגן מיט אן אמת, איך וויל זיין

גרייט מיט אן אמת אויף מסירות נפש.

## שיעור פעולת הצדיק

דער ראש ישיבה האט פארגעלערנט פעולת הצדיק סימן תר"ח (דאס איז ווי מען האט געהאלטן אין שטעטל); און דער ראש ישיבה שליט"א האט דערציילט פון די מגילת סתרים, און דער ראש ישיבה שליט"א האט צוגעלייגט וואס ער האט נישט דערציילט א וואך פריער אין וויליאמסבורג, אז רבי לוי יצחק זכרונו לברכה האט איבערגעגעבן דעם מגילת סתרים פאר מוהרא"ש זכרונו לברכה, און ווען מען האט אנגעהויבן רעדן לשון הרע צו רבי לוי יצחק אויף מוהרא"ש, מען האט אים געזאגט אז מוהרא"ש שרייבט זאכן וואס מען דארף נישט שרייבן, דעמאלט האט רבי לוי יצחק אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן אז מוהרא"ש זאל פארגעסן די סודות, שפעטער האט רבי לוי יצחק געטראפן מוהרא"ש, האט מוהרא"ש זיך געמאכט כאילו ער האט אלעס פארגעסן, כדי רבי לוי יצחק זאל אויפהערן בעטן דעם אייבערשטן אז ער זאל עס פארגעסן.

דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט אז מענטשן פרעגן אים אויב מוהרא"ש האט איבערגעגעבן דעם מגילת סתרים פאר'ן ראש ישיבה, האט דער ראש ישיבה שליט"א געענטפערט: "מוהרא"ש האט מיר איבערגעגעבן דעם אשר בנחל, דאס איז מגילת סתרים; מוהרא"ש האט נישט מיטגענומען קיין שום סוד אין קבר, אחוץ פון איין זאך וואס מוהרא"ש האט נישט געקענט שרייבן, וויאזוי א אינגערמאן דארף לעבן אינדערהיים וכו', ווייל וואס מוהרא"ש האט געשריבן איז געווארן פארשפרייט אין די גאנצע וועלט, ממילא האט מוהרא"ש נישט געקענט שרייבן אין דעם ענין". דער ראש ישיבה האט געזאגט אז אינגעלייט קענען זיצן צען יאר ביי די שיעורים און נישט כאפן ווי אזוי מען דארף לעבן אין שטוב, און אינגעלייט קומען אים פרעגן שאלות וואס פון די שאלות זעט מען אז יענער הייבט נישט אן צו וויסן ווי אזוי מען דארף

לעבן.

## שלש סעודות

ביי שלש סעודות האט דער ראש ישיבה שליט"א פארגעלערנט די תורה אין ליקוטי מוהר"ן (חלק א, סימן קפ"ז): ולך ה' החסד כי אתה תשלם לאיש כמעשהו (תהלים ס"ב), אז דאס איז א חסד פונעם אייבערשטן אז דער אייבערשטער באצאלט צוריק פאר א מענטש מידה כנגד מידה, ווייל אזוי ווייסט דער מענטש וואס ער דארף פאררעכטן, ווייל ווען נישט, ווען א מענטש באקומט עפעס אן עונש פונעם אייבערשטן ווייסט ער נישט וואס פונקטליך ער דארף פאררעכטן.

און דער רבי זאגט דארט ווייטער אז דאס גייט נאר אן אין ארץ ישראל, האט דער ראש ישיבה מסביר געווען, "וואס הייסט ארץ ישראל? א מענטש קען זיין אין ארץ ישראל, אבער אויב זיין קאפ ליגט נישט ביים אייבערשטן איז ער נישט אין ארץ ישראל, די זעלבע זאך איז פארקערט - א מענטש איז אין חוץ לארץ, אבער אז זיין קאפ איז ביים אייבערשטן איז ער אין ארץ ישראל.

דער ראש ישיבה האט געזאגט: "ברוך ה' מען קען שוין פייערן, עס איז שוין אדורך געגאנגען א גאנצע יאר זייט די ערשטע מנין אינגעלייט האבן זיך ארויסגעצויגן אין שטעטל, און דער ראש ישיבה האט געוואלט מעורר זיין די אינגעלייט אז זיי זאלן אויסניצן די צייט ווי עס דארף צו זיין מיט התבודדות, האט דער ראש ישיבה געזאגט: ענק זעען אויס ווי א בחור קומט אן אין קעמפ, ער באקומט א שטוב, און ער הייבט זיך אן צו מסדר זיין, די ערשטע וואך רוימט ער צאם, די צווייטע וואך לייגט

ער גוטע שמעקערס... די דריטע וואך לייגט ער אריין שטארקע על אי די באלבס... און אזוי ווייטער יעדע וואך לייגט ער אריין און איז מסדר נאך עפעס, ביז די לעצטע וואך ווען מען גייט שוין אהיים איז שוין זיין שטוב הערליך מסודר און גרייט אויפצונעמען די חיות און קריכעדיגע וואס וועלן זיך אויפהאלטן דארט במשך דעם ווינטער... א מענטש כאפט נישט אז ער קויפט זיך א הויז און ער טראכט נאר ווי אזוי ער קען זיך 'מסדר זיין', אבער ער כאפט נישט אז מען גייט שוין באלד אהיים"...

# שבת קודש פרשת קרח אין שטעטל

אויפ'ן וועג אהיים פון שול פרייטאג צו נאכטס נאכ'ן דאווענען האט זיך דער ראש ישיבה אנגערופן צו איינע פון די אינגעלייט פון שטעטל: "דו ווייסט נישט וואס פאר א שיינע פלאץ דו האסט דא; נישטא דא קיין שמוץ, נישטא דא קיין פייער-קרעקערס, נישטא דא קיין גערידער וכו'".

דערנאך האט דער ראש ישיבה געזאגט פאר די מפיצים פון שטעטל: "יעצט זומער ווען אלע קאנטריס זענען פול דארף מען שוין נישט פארן ביז קרית יואל צו גיין הפצה, מען קען גיין הפצה אין די קאנטריס און מען וועט האבן גרויס שפע", האט איינער געפרעגט: "וואס טוט מען אז מען קומט אן אין א קאנטרי אינמיטן טאג און די פרויען זיצן אין רעדלעך, ווי אזוי זאל מען מפיץ זיין אין אזא פאל?" האט דער ראש ישיבה געענטפערט: "ווענסטו צו גיין און זאגן 'דא האט איר א שיינע מתנה'", האט יענער ווייטער געפרעגט: "וואס טוט מען אויב מען קומט אן אין א קאנטרי וואס די פרויען זענען פון די פרומערע קרייזן וכו'?" האט דער ראש ישיבה געענטפערט: "נישט קיין נפקא מינה, מען גייט צו און מען זאגט 'דא האט איר א שיינע מתנה, איר ווילט עפעס געבן פאר צדקה?'" און דער ראש ישיבה האט אויסגעפירט: "יעצט דארפן אלע חיזוק; יעצט נאך קאראונע וואס מען איז געזיצן אזוי לאנג מיט די קינדער אינדערהיים - דארף שוין יעדער חיזוק. נעם דעם קונטרס 'מכבד זיין די ווייב' און דאס זאלסטו געבן פאר די פרויען, אלע פרויען דארפן עס; די פרויען זאלן עס אהיים נעמען פאר די מענער... אזוי אויך זאלסטו זיי געבן דעם קונטרס 'געדולד צו קינדער'. קויף אפאר פעקלעך פון 2-3 הונדערט 'קונטרס געדולד צו קינדער' און געב עס פאר די פרויען און דו וועסט נאך האבן 'גרויס שפע'.

ביי די סעודה פרייטאג צונאכטס האט דער ראש ישיבה געפרעגט פון די געסט וואס האבן דארט געגעסן, וואס זיי האבן ארויסגענומען פון די דאנערשטאג נאכט שיעור, און יעדער האט זיך אנגערופן א נקודה וואס ער האט ארויסגענומען פונעם שיעור, האט דער ראש ישיבה געזאגט: "מיין שענסטע צייט ביי מוהרא"ש פלעגט זיין ווען מען פלעגט אהיים

פארן מיט די חברים פונעם דאנערשטאג נאכט שיעור און יעדער איינער האט זיך אנגערופן זיין נקודה וואס ער האט ארויסגענומען פונעם שיעור; ס'איז זייער אינטערעסאנט ווי יעדער איינער נעמט ארויס אן אנדערע שיינע נקודה וואס ער האט מקבל געווען פונעם שיעור".

## שבת קודש אינדערפרי

שבת קודש אינדערפרי ביי קריאת התורה (בין גברא לגברא) האט דער ראש ישיבה שליט"א צוגעוויזן פאר א אינגערמאן וואס איז געזיצן נעבן אים אפאר שיינע רמזים אויף זיין נאמען. אין די סדרה פון די וואך שטייט (במדבר טז, ה): "בֹּקֶר וְיֹדַע י"י אֶת אֲשֶׁר לוֹ", דאס איז ראשי תיבות יוֹאֵ"ל אֲשֶׁ"ר [בנחל]; אויך אין די הפטורה פון די וואך, אינעם פסוק (שמואל א יב, ז): "וְעַתָּה הִתְיַצְּבוּ, וְאִשָּׁפְטָה אִתְּכֶם לִפְנֵי י"י", טרעפט מען די ראש תיבות פונעםווארט יוֹאֵ"ל. אזוי אויך אינעם פסוק וואס מען האט געהאט נישט לאנג צוריק (במדבר י, ט): "וְנִזְכַּרְתֶּם לִפְנֵי י"י אֱלֹהֵיכֶם וְנוֹשַׁעְתֶּם מֵאֹיְבֵיכֶם", טרעפט מען די ראש תיבות פונעם ווארט יוֹאֵ"ל; און דער ראש ישיבה האט אויסגעפירט: "יעדע וואך טרעף איך שיינע רמזים אויף מיין נאמען".

## שלוש סעודות

דער ראש ישיבה שליט"א האט פארגעלערנט אין שיחות הר"ן סימן ו' דעם לשון פון רבי'ן: "היצר הרע דומה כמו מי שהולך ורץ בין בני אדם, וידו סגורה ואין אדם יודע מה בתוכה. והוא מרמה בני אדם ושואל לכל אחד, מה אני אוחז? ולכל אחד נדמה כאלו הוא אוחז מה שהוא מתאוה. ועל כן הכל רצים אחריו כי כל אחד סובר שיש בידו מה שהוא חפץ. ואחר

כך הוא פותח את ידו ואין בה כלום. כמו כן ממש היצר הרע שהוא מרמה כל העולם והכל רצים אחריו ומרמה לכל אחד ואחד עד שנדמה לכל אחד ואחד כאלו יש בידו מה שהוא חפץ כל אחד כפי שטותו ותאותו. ואחר כך בסוף הוא פותח את ידו ואין בה כלום כי אין מי שימלא תאותו אצלו". דער יצר הרע איז גלייך צו איינער וואס לויפט ארום מיט א פארמאכטע האנט, און אלע לויפן אים נאך א גאנץ לעבן, צום סוף עפנט ער אויף זיין האנט און אלע זעען איין אז ער האט זיי סתם פארפירט מיט נארישקייטן א גאנץ לעבן, און זיי בלייבן מיט גארנישט איבער.

האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט אז מוהרא"ש זכרונו לברכה איז מסביר אז דער שיחה גייט ארויף בעיקר אויף דעם וואס א מענטש גייט צו א רבי, ער דרייט זיך ביי א גוטער איד, זאגט דער רבי אז דער מענטש דארף קוקן אויף זיך, צי בלייבט ער מיט עפעס אין די האנט, אדער איז ער סתם אויף א ליידיגע פלאץ - ער באקומט גארנישט פון זיין רבי.

ווייל א מענטש קען זיך דרייען ביי אן ערליכער איד, וואס דער ערליכער איד בלייבט ערליכער איד, אבער וואס וועט זיין מיט מיר? סוף פון די זיבעציג יאר וועט מען מיר אויסטון מיינע קליידער און אנטון אנדערע קליידער - די תכריכים, און איך בין געבליבן נאקעט - אן קיין תורה.

א מענטש קען זיך אפלעבן זיין גאנצע לעבן, און זיך דרייען ביי ערליכע אידן, אבער ער וועט נישט ענדיגן אפילו איין מאל ששה סדרי משנה, ש"ס, חמשה חומשי תורה!

דער הייליגער רבי זאגט (שיחות הר"ן סימן כג) אז די רחמנות פון די וועלט זעט יעדער איינער, דערפאר לויפן מענטשן צו די ארבעט, און מען ארבעט ביטער שווער - אלעס כדי צו ברענגן פרנסה; ווייל קיינער וויל נישט זיין א רחמניות'דיגער מענטש, ווי די מענטשן וואס מען זעט זומער אין די פארק'ס, די היימלאזע מענטשן וואס שלאפן דארט אויף דער ערד אדער אויפ'ן באנק, אן קיין קליידער, אן קיין שויער, אן קיין

עסן ווייל די מארשאלס האבן זיי ארויסגעווארפן פון זייער דירה, ווייל זיי האבן נישט געהאט קיין געלט צו באצאלן פאר די רענט - זאגט אבער דער רבי - אז פונקט אזוי זענען דא אין הימל היימלאזע נשמות וואס זענען נאקעט, ווייל זיי האבן נישט אריין געכאפט קיין תורה און מצות. אבער די היימלאזע נשמות קען מען נישט זען, דאס זעען נאר די צדיקים, דערפאר ווייסן נישט מענטשן זיך אנצוגרייטן אויף דעם.

האט זיך דער ראש ישיבה שליט"א אויסגעדריקט: "אויב א מענטש לערנט נישט יעדן טאג אביסל חומש, אביסל משניות, אביסל גמרא - איז ער א האומלעס!"

דעריבער דארף א מענטש שטענדיג קוקן אויף זיך: איך דריי זיך אויף א פלאץ, לאמיר זען וואס האב איך אין די האנט.

דארפן מיר דאנקן און לויבן דעם אייבערשטן אז מיר האבן זוכה געווען זיך צו דערוויסן פון רבי'ן; איך עפן ברוך ה' יעדן טאג א חומש - איך לערן אפאר פסוקים חומש, איך עפן ברוך ה' יעדן טאג א משניות - איך לערן אפאר פרקים משניות, איך עפן ברוך ה' יעדן טאג דעם גמרא - איך לערן אביסלע גמרא; אפילו אז איך פארשטיי נישט וואס איך לערן, דאך לערן איך יעדן טאג, און אפילו איך ארבעט ביטער שווער, דאך לערן איך יעדן טאג.

אפאר בחורים זענען יעצט געקומען דא אין שטעטל צו ענדיגן דעם עירוב - האט דער ראש ישיבה שליט"א זיי געפרעגט: "זאל א בחור טראכטן 'יעצט לערן איך נישט, ווייל איך בין נישט אין ישיבה, יעצט העלף איך'? ניין! דאס איז געמאכט פאר א בחור וואס לערנט אין א 'געהעריגע ישיבה'... אבער א בחור וואס לערנט ביים רבי'ן איז נישט דא אזא זאך, נאר יעדן טאג דארף איך זען צו לערנען גמרא און משניות".

דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך אויסגעדרייט צו הבחור... נרו יאיר און געזאגט: "איך האב באקומען גוטע גרוסן אויף דיר"; ווייל איינע פון די געסט האבן דערציילט פאר'ן ראש ישיבה שליט"א אז ער איז ממש נתפעל געווארן פון דעם בחור, יענער האט מיטגעהאלטן ווי דער בחור

שטייט שוין אויף גאר פרי, און זעצט זיך אראפ מיט א משניות און א גמרא, און לערנט פלייסיג, אפילו ער ארבעט במשך'ן טאג ביטער שווער צו מאכן דעם עירוב; דאך וויסט ער פונקט ווי א אינגערמאן וואס ארבעט א גאנצן טאג, נאכאלץ דארף ער לערנען, די זעלבע איז מיט א בחור אפילו איך ארבעט שווער דארף איך אויך אויפשטיין אינדערפרי און לערנען מיינע שיעורים אין משניות און אין גמרא.

און דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט: "באלד גיי איך אוועק פון דער וועלט נאקעט; געב א קוק, מען האט קוים אנגעהויבן ש"ס, און יעצט האלט מען שוין ביי מסכת שבת דף קי"ד, ווער עס האט אנגעהויבן צוזאמען ש"ס האט שוין אפגעלערנט צוויי הונדערט דפים!; אז מען לערנט יעדן טאג דעם דף גמרא, מאכט מען דעם חשבון סוף יאר אז מען האט במשכ'ן יאר אפגעלערנט דריי הונדערט פינף און זעכציג דפים גמרא!"

דאס מיינט איך האב עפעס אין דער האנט!

א מענטש דרייט זיך אויף א פלאץ און טראכט צו זיך 'דא איז דער אמת', אבער מען דארף קוקן אויף זיך: "וואס וועט זיין מיט מיר? באלד טוט מען מיך אויס די קליידער און מען וועט מיך אנטון אנדערע קליידער, וואס וועט דעמאלט זיין מיט מיר? נאר די גמרא און משניות וואס מען האט געלערנטביים לעבן דאס נעמט מען מיט".

און דאס פלעגט מוהרא"ש אלץ חזר'ן אויף די וואכעדיגע פרשה (קרח), וואס מען זעט אין די פרשה די מעשה מיט די שטעקענעס, דאס איז הפלא ופלא; נאכדעם וואס עס האט זיך געענדיגט די מעשה מיט קרח, האבן די אידן נאך אלץ נישט געגלייבט אין משה רבינו, האט דער אייבערשטער געזאגט צו משה רבינו אז ער זאל נעמען צוועלף שטעקענעס, פאר דער נשיא פון יעדע שבט, און דער נשיא וואס זיין שטעקן וועט בליען איז א סימן אז ער דארף זיין דער כהן גדול - דער צדיק הדור, דערציילט דער פסוק אז משה רבינו האט געלייגט די שטעקענעס אין אהל מועד, צומארגנס זעט משה רבינו ווי דער שטעקן פון אהרן הכהן האט געבליעט,

האט משה רבינו ארויסגעטראגן אלע שטעקענעס צו ווייזן פאר אלע אידן ווי אהרן הכהן'ס שטעקן האט געבליעט.

זאגט דער פסוק אז נאכדעם וואס די אידן האבן טאקע געזען ווי אהרן הכהן'ס שטעקן האט ארויסגעגעבן בלומען און מאנדלען און די אנדערע שטעקענעס זענען געבליבן פשוט'ע שטעקענעס, פלאי פלאים... "ויראו ויקחו איש מטהו" - זיי האבן געזען, און יעדע שבט האט צוריקגענומען זיין שטעקן; דו וואלסט דאך געדארפט נעמען דיין שטעקן און צעברעכן, און אוועקווארפן צו אלע רוחות, דאס איז דאך א טויטע שטעקן צו וואס דארפסטו דאס האבן?!

אבער די אידן האבן נישט אזוי געטון, זיי האבן געזאגט: "דאס איז אונזער מסורה, דאס איז אונזער גזע..."

און אויף דעם דארפן מיר דאנקן דעם הייליגן רבי'ן אז מיר האבן א צדיק וואס האט אונז געגעבן אזא 'סדר דרך הלימוד'; אפילו א מענטש זאגט: "איך האב שוין נישט דעם כח הריכוז, איך קען זיך נישט צוזאמקלויבן, און אריין טראכטן אין דעם לימוד וואס איך לערן, אמאל אלס בחור האב איך נאך געקענט לערנען, אבער היינט קען איך מער נישט פאוקוסן, איך בין שוין אריבער געגאנגען אזויפל צרות אין לעבן, איך האב שוין נישט קיין כח" - קומט אבער דער רבי מיט'ן 'סדר דרך הלימוד' יעצט קענסטו לערנען אין יעדע מצב.

און דער ראש ישיבה שליט"א האט מחזק געווען די שטעטל אינגעלייט אז זיי זאלן אויפשטיין אינדערפרי לערנען די שיעורים כסדרן, און דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט: "דא אין שטעטל איז דא וואו צו לערנען. איך קום יעצט פון שטאט מען וואוינט אין קליינע דירה'לעך, פארטאגס ווען איך שטיי אויף דארף איך תיכף ארויסלויפן פון מיין דירה, ווייל אויב וויל איך נאר מאכן א קאווע אינדערהיים וועקן זיך אלע קינדער אויף, אבער דא איז אנדערש, דא קענסטו אויפשטיין אינדערפרי און זיצן אינדערהיים און לערנען אויפ'ן קול די הייליגע תורה.

און דער ראש ישיבה שליט"א איז צוריק געגאנגען צו די

אויבנדערמאנטע שמועס פון גיין צו א רבי וואס מען באקומט עפעס פון אים, און דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט: "דאס איז געווען די מחלוקת פון קרח מיט משה רבינו, אויף משה רבינו האט מען גארנישט געקענט אנזען פון אינדרויסן, פון אינדרויסן האט ער אויסגעקוקט פונקט ווי א צווייטער.

און דער ראש ישיבה האט מסביר געווען אז דאס וואס עס שטייט (במדבר יב, ג) וְהָאִישׁ מֹשֶׁה עָנָיו מְאֹד מִכֹּל הָאָדָם אֲשֶׁר עַל פְּנֵי הָאֲדָמָה, מיינט נישט אז מען האט עפעס דערקענט פון אינדרויסן, אזוי ווי דער רבי זאגט (לקוטי מוהר"ן חלק א', סימן קצ"ז): "כי בודאי אין זה מעלת הענוה, להראות עצמו בכפיפת ראש בדרך שטות כאילו הוא עניו, כי זה ענוה פסולה, ועקר הענוה כשהיא בחכמה וכו'", וואס הייסט אן עניו? איינער וואס מאכט זיך אן איינגעבויגענעם קאפ דאס איז נישט קיין עניוות, דאס איז סתם א שטות.

אבער ביי קרח האט מען יא אנגעזען פון אינדרויסן, עס האט זיך געטון, עס האט געפלאקערט... אבער דו ביסט אהיים געגאנגען פון דארט מיט ליידיגע הענט.

און דער ראש ישיבה שליט"א האט גערעדט צו די אינגעלייט אז מען זאל זען צו לערנען יעדן טאג דעם דף גמרא; און דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט: "אויב איינער קען קומען צום שיעור פארנאכטס זאל ער קומען פארנאכטס, און אויב איינער קען קומען פארטאגס זאל ער קומען פארטאגס".

און דער ראש ישיבה שליט"א האט מחזק געווען דעם מגיד שיעור פון פארטאגס אז דער שיעור זאל ווייטער אנגיין, ווייל עס דארף זיין יעדן טאג א שיעור אין דעם דף גמרא סיי אינדערפרי און סיי פארנאכטס, כדי אז ווער עס וויל לערנען דעם דף זאל ער האבן סיי ווען א שיעור.

און דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט: "די תורה קלעבט צו א מענטש צום אייבערשטן! נאר די תורה געבט אונז כח זיך צו קריגן מיט'ן יצר הרע. היינט איז דא זייער א שווערע יצר הרע, אין איין רגע קען מען

זיך טרעפן אין שאול תחתית; ווייל פון איין זייט מוז איך דאך האבן א טעלעפאון ווייל דאס איז דאך די וועג וויאזוי מען טוט ביזנעס אין די היינטיגע וועלט, אבער פון די אנדערע זייט, נאך איידער איך ווייס וואס, ווען, און וויאזוי - בין איך שוין צוגעקלעבט צו נישט גוטע זאכן.

און דאס איז די גרויסע כח פון תורה, דער תורה געבט פאר א מענטש כח צו קריגן מיט'ן יצר הרע, און אזוי אויך אפילו דו ביסט שוין חס ושלום אראפגעפאלן, און דו פאלסט ווייטער, דורך לימוד התורה וועסטו האבן די כח זיך צוריקצוכאפן צום אייבערשטן.

מוהרא"ש פלעגט אלס זאגן: "א מענטש וואס האט געלערנט זיין גאנצע לעבן, ווען ער גייט אוועק פון דער וועלט, און מען לייגט אים אריין אין ארון, פירט מען דא אן ארון קודש! דא ליגט א איד וואס האט געענדיגט בבלי, ירושלמי, תוספתא, מדרשים, ברייתות, רמב"ם און הלכות - מען פירט דא אן ארון קדוש".

דער אייבערשטער זאל העלפן אז מיר זאלן פאלגן דעם רבי'ן, וועלן מיר זיין ערליכע אידן.

## שיחות וסיפורים

איינער האט געפרעגט פונעם ראש ישיבה שליט"א וואס מען זאל טון לגבי קויפן טיקעטס אויף אומאן, ווייל געוויסע עירליינס האבן געמאלדן אז זייערע פלייטס קיין קיעוו אין די טעג פון ראש השנה זענען אפגערופן געווארן, צו זאל מען קויפן נייע טיקעטס אדער נישט? האט דער ראש ישיבה געענטפערט "יעצט קויפט מען נישט, יעצט ווארט מען".

א אינגערמאן וואס וואוינט אין וויליאמסבורג האט געפרעגט דעם

ראש ישיבה שליט"א די וואך פרשת קרח, בשעת ווען די גאנצע שטאט האט געפלאמט אז מען דארף גיין וואוטן פאר קאנדידאטן; צי מען דארף טאקע וואוטן אדער נישט, האט אים דער ראש ישיבה שליט"א געענטפערט: "איך וואוט פאר'ן אייבערשטן".

האט דער אינגערמאן ווייטער געפרעגט, אבער יעצט האבן זיך פאראייניגט אלע עסקנים און אלע גרויסע קהילות פון שטאט, און אלע זאגן יעצט פה אחד אז מען מוז גיין שטימען, פאר דעם קאנדידאט, ווייל די גאנצער עתיד און דער עקזיסטענץ פון וויליאמסבורג איז תלוי אין אים, האט דער ראש ישיבה שליט"א געענטפערט: "ווילימסבורג האט נישט קיין עתיד!"

דער ראש ישיבה שליט"א האט דערציילט פאר איינע פון אנשי שלומינו, אז איין טאג נאך מעריב איז ער אהיים געגאנגען אין די באגלייטונג פון דריי בחורים, איין בחור איז געווען אנגעטון חסיד'יש מיט לאנגע ערמל וכו', און די אנדערע צוויי בחורים זענען נישט געווען אנגעטון אזוי חסיד'יש, זיי זענען געווען אנגעטון מיט קורצע ערמל וכו', אנקומענדיג צו דער ראש ישיבה'ס בנין האט דער ראש ישיבה שליט"א באמערקט אויף איינע פון די שכנים וואס אינעם זעלבן בנין, ווי עס ליגט אים אויפ'ן שפיץ צינג צו פרעגן דעם ראש ישיבה שליט"א, היתכן, פארוואס קען נישט דער ראש ישיבה שליט"א מאכן אז די צוויי בחורים זאלן אויסזען אזוי ווי דער חסיד'ישער בחור, מיט לאנגע ערמל וכו'. זאגט דער ראש ישיבה שליט"א צום דעם אינגערמאן: "גיי זיי אים מסביר, אז מען קען נישט דערקענען א מענטש פון אינדרויסן, אינדרויסן לויט די קליידער קוקט טאקע אויס ווי דער בחור איז חסיד'יש און די אנדערע צוויי זענען נישט חסיד'יש, אבער דא איז עס פונקט פארקערט, דער בחור וואס איז אנגעטון חסיד'יש - איז נישט צו לאנג צוריק ארויס פון בעט, ער איז אויפגעשטאנען ממש אפאר שעה צוריק, ווידעראום די אנדערע צוויי בחורים זענען טאקע נישט אזוי שיין אנגעטון חסיד'יש, אבער זיי

זענען שוין אויף גאר פרי, זיי האבן שוין היינט געלערנט אסאך, זיי האבן שוין געלערנט ח"י פרקים משניות, דפים גמרא, קאפיטלעך תהלים, און אזוי ווייטער נאך לימודים, ווייל מען קען נישט דערקענען פון אינדרויסן ווער ס'איז א בחור מיט יראת שמים".

אהיים פארענדיג מוצאי שבת פרשת קרח פון שטעטל - קרית ברסלב, צוריק קיין וויליאמסבורג, האט דער ראש ישיבה שליט"א באמערקט ווי עס הענגט א סיין אויפ'ן הייוועי, וואס ליינט זיך אזוי: "קאוויד איז סטיל עי ריסק" - דאס מיינט, אז קאוויד 19 (קאראנע ווירוס) איז נאך אלץ א סכנה, האט זיך דער ראש ישיבה שליט"א אנגערופן: "דו זעסט וואס דא שטייט? עס שטייט דא אז 'כבוד איז נאך אלץ א סכנה'.

דער ראש ישיבה שליט"א איז געווען דינסטאג פרשת חקת - בלק אין די נייע בנין התלמוד תורה אין שטעטל - קרית ברסלב, צו זען ווי די מלמדים זענען זיך מסדר אין די נייע כיתות דעם ערשטן טאג פון זומער חדר, ווען אסאך נייע משפחות זענען ארויסגעקומען צו דעם שטעטל אויף זומער; און דער ראש ישיבה שליט"א האט געזען ווי איין מלמד האט גענומען א קליינע קלאס פאר זיין כיתה, האט דער ראש ישיבה שליט"א געפרעגט דעם מלמד: "פארוואס האסטו גענומען דעם קליינעם קלאס פאר דיין כיתה?" האט דער מלמד געענטפערט: "ווייל אין א קליינע קלאס איז מיר גרינגער צו האלטן קאנטראל אויף די קינדער", האט דער ראש ישיבה שליט"א זיך אנגערופן: "קאנטראל אויף די קינדער - האט נישט צו טון מיט א קליינע פלאץ אדער א גרויסע פלאץ, דאס האט צו טון מיט'ן מלמד; דער מלמד דארף זען אז די קינדער זאלן פאלגן, א מלמד דארף אריין קומען אין קלאס מיט א מורא'דיגע שטארקקייט, אז די קינדער זאלן אים מוזן פאלגן".